(yontev /) "יום־תרועה" (yoym truo), דער טאָג פֿון שופֿר בלאָזן (the day of blowing the ram's horn).

די ימים־נוראָים זײַנען ניט (נישט) פֿאַרבונדן (tied / bound) מיט קיין פֿרייד, נאָר מיט אַ שטימונג פֿון טיפֿער ערנסטקייט (with a profoundly serious days), מיט אַ געפֿיל פֿון גרויס אַחריות (with a feeling of great responsibilities). ראָש־השנה און יום־כּיפּור איז פֿאַרבונדן מיטן מאָראַלישן געוויסן (moral conscience) און די רעליגיעזע געפֿילן פֿון אַ יחיד (and the religious feelings of an individual). עס איז "יום־הדין" (it is the day of reckoning / yoym ha-din). דער טאָג ווען די מענטשן ווערן געמישפּט (when people are being judged) אין הימל (in heaven), ווער צום לעבן (some / who for life), ווער צום טויט (some for death), ווער צו רײַכקייט (riches), ווער צו נויט (poverty), ווער צו געזונט (health) און ווער צו קרענק (sickness), ווער צו גוטס און ווער צו שלעכטס (bad).

ראָש־השנה איז נאָר אַ פֿאָרשפּיל (forerunner) צו יום־כּיפּור, דעם הייליקסטן טאָג (the holiest day) פֿון יאָר, ווען ייִדן רייניקן זיך פֿון זינד (clense themselves of sin). ערשט נאָך דעם (only after) ווי די זינד ווערן פֿאַרגעבן (their sins are forgiven) פֿילט מען זיך גײַסטיק (they feel spiritually) ווי אַ נײַער מענטש (redeemed / new person).

ראָש־השנה ווערט אין הימל פֿאַרשריבן (is inscribed in heaven) דעם מענטשנס גורל (men's destiny / goyrl) און יום־כּיפּור ווערט עס פֿאַרחתמעט (it is sealed / farkhasmet). עס איז גאָטס מישפּט (it is God's judgement / mishpet) איבער דער וועלט.

אין שול בלאָזט מען שופֿר, און בײַם אַהיים גיין נאָכן דאַווענען, זאָגט מען איינער דעם אַנדערן (one says to the other) "לשנה־טובֿה" (a good year / l'shone toyve), אָדער "לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ וְתֵחָתֵמוּ" (a good year should be inscribed and sealed / l'shone toyve tikoseyvu vesekhoseymu). עס זאָל פֿאַרשריבן ווערן און אונטערגעשריבן ווערן אין הימל אַ "גוט־יאָר".

דער קול שופֿר (the sound of the ram's horn / kol shoyfer) דערמאָנט, אַז מען (reminds us) האָט עס געהערט (we heard it) דעם טאָג פֿון מתּן־תּורה (the day of the giving of the Torah / matn-toyre). מיטן שופֿר בלאָזן דריקט מען אויס אַ דאַנק צו גאָט פֿאַרן שלום און נאַטור־האַרמאָניע (nature's harmony) אין דער וועלט.

אין דער גמרא (Talmud / Gemore) ווערט דערקלערט, אַז מען בלאָזט שופֿר ראָש־השנה כּדי (in order) צו צעטומלען דעם שׂטן (confuse Satan) ער זאָל ניט (נישט) ברענגען פֿאַר גאָט זײַנע באַשולדיקונגען קעגן (he should not bring his accusations against) די ייִדן אין דעם יום־הדין, ווײַל דער שׂטן הערט ווי מען בלאָזט שופֿר, מיינט ער אַז משיח (the